

# Going the extra Mile

PARSHAS SHEMOS

פרשת שמות

# פרשת שמות

יא. אין סיום פון היינטיקער סדרה שטייט, אַז משה רבנו האָט געפרעגט ביי דעם אויבערשטן, למה הרעתה לעם הזה, און אויף דעם האָט אים דער אויבערשטער געענטפערט (בהתחלת פ׳ וארא): אני הוי׳, וארא גו׳ בא־ל שדי ושמי הוי׳ לא נודעתי להם גו׳ וידעתם כי אני הוי׳.

ווערט דערקלערט אין תורה אור [15], אַז ביי מתן תורה איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער שם הוי׳ (וואָס צו די אבות איז ער ניט נתגלה געוואָרן), ובכדי עס זאָל קענען זיין דער גילוי — וידעתם כי אני הוי׳ — האָט מען געמוזט האָבן די הכנה פון גלות מצרים — הרעתה לעם הזה.

און ער פירט דאָרטן אויס, אַז דאָס איז אויך דער טעם אויף אררי־כות גלות האחרון, וואָס דאָס איז אַ הכנה צו די גילויים פון לעתיד.

יב. יעדער ענין אין תורה איז אַן אמת׳ער און אַן אייביקער. פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז אַ קשיא אין תורה, כאָטש ס׳איז דאָ אויף איר אַ תירוץ, פונדעסטוועגן בלייבט נאָך אַלץ אַן אָרט אויף דער קשיא.

— ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ שבועות׳דיקער התוועדות, וועגן דער קשיא וואָס שטייט אין תורת החסידות, פאַרוואָס האָט מען ניט קובע געווען שמח״ת אום שבועות — זמן מתן תורתנו, אַז וויבאַלד די קשיא שטייט אין תורה, איז הגם עס איז פאַראַן אויף איר אַ תירוץ, פונדעסטוועגן איז נאָך אַלץ פאַראַן אַן אָרט צו זאָגן אַז שמחת תורה זאָל זיין שבועות —

און אַזוי אויך דאָ: וויבאלד אַז די קשיא למה הרעת שטייט אין תורה, איז אויך נאָכן תירוץ פון וארא גו׳, האָט נאָך אַלץ אַן אָרט די טענה, למה הרעתה.

יג. איינער פון די טעמים אויף דעם איז: הגם מען דאַרף טאַקע האָבן דעם שעבוד הגלות ווייל דאָס איז אַ הכנה צו די גילויים דלעתיד, פונדעסטוועגן, קען מען דאָך דאָס אָבער אומבייטן אויפן גייסטיקן שיעבוד.

ווי ער דערקלערט אין תורה אור [16] די אַלע פּרטי השעבוד פון וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים ובכל עבודה בשדה — אין רוחניות: „וימררו את חייהם היא התורה כי היא חיינו, בעבודה קשה דא קושיא, בחומר דא קל וחומר, ובכל עבודה בשדה דא ברייתא, ובלבנים דא ליבון הלכתא״, עיין שם באריכות.

יד. אַזוי ווי דעם ענין הגלות כפשוטו קען מען אומבייטן אויף די ענינים ברוחניות, אַזוי אויך יגיעה וטרדת הפרנסה (וואָס דאָס איז דער עיקר הגלות [17])) קען מען אומבייטן אויף יגיעה וטרדא אין תורה.

דער עיקר פון טרדת הפרנסה איז דאָך דער רבות מחשבות בלב איש [18], ביז אַז ער ווייס ניט ווי צו טאָן — קען מען דאָס אומבייטן אויף יגיעה וטרדא אין תורה. ער זאָל זיך מייגע

---

15) נו, ד.

16) מט, א.

17) תורה אור ח, ד.

18) ד״ה מים רבים תרל״ו בתחלתו.

# CLASSICAL CONCEPTS

1. At the end of this week's Parsha, the Torah tells us how Moshe confronted Hashem with the question "למה הרעתה לעם הזה, - Why do you do evil to this nation?" Hashem responded to Moshe by saying that He had revealed to the Avos His name of שד-י, but not the name יהו-ה, but He will reveal that name (which represents a higher level) to the Jewish people. The Alter Rebbe explains in Torah Ohr, that during the giving of the Torah, the Jewish people witnessed a revelation of G-dliness which had not been experienced even by the Avos. In order for the Jewish people to prepare themselves for this great revelation, they needed to first endure the pain of Golus Mitzrayim. The Alter Rebbe continues that this is also the reason why the Jewish people are suffering for so long in this final exile, being that the great revelations they will merit in the final redemption, require great preparation.



2. As we have dis-

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Should be | זאל זיין |
| So too | אזוי אויך |
| After | נאכן |
| One of | איינער פון |
| Must | דארף |
| Since | ווייל |
| Exchange | אומבייטן |
| Spiritual servitude | גייסטיקן שיעבוד |
| Like it is explained | ווי ער דערקלערט |
| And they embittered their life | וימררו את חייהם |
| With hard work | בעבודה קשה |
| This refers to the questions that arise in Torah study | דא קושיא |
| With cement | בחומר |
| This refers to the Kal V'chomers used in Torah study | דא קל וחומר |
| And with bricks | ובלבנים |
| This refers to clarifying the Halacha | דא ליבון הלכתא |
| The toil and work to make a living | יגיעת וטרדת הפרנסה |
| There are many thoughts in the heart of man | רבות מחשבות בלב איש |
| Until | ביז |
| He doesn't know | ער ווייס ניט |
| How to do | ווי צו טאן |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| In the end | אין סיום |
| Today's | היינטיקער |
| States | שטייט |
| Asked | געפרעגט |
| Why do you do evil to this people? | למה הרעתה לעם הזה |
| On this | אויף דעם |
| Answered | געענטפערט |
| Is clarified/ explained | ווערט דערקלערט |
| Was revealed | אנטפלעקט געווארן |
| Was not revealed | ניט נתגלה געווארן |
| Can be | קענען זיין |
| Needed to have | געמוזט האבן |
| He finishes off there | ער פירט דארטן אויס |
| Lengthiness | אריכות |
| Everlasting | אייביקער |
| Understood | פארשטאנדיק |
| Although | כאטש |
| On it | אויף איר |
| Nevertheless | פונדעסטוועגן |
| Still remains | בלייבט נאך אלץ |
| A place | אן ארט |
| The Frierdiker Rebbe | כ"ק מו"ח אדמו"ר |
| Regarding | וועגן |
| Why | פארוואס |
| Established | קובע |
| Although | הגם |

זיין אין תורה, ביז אַז ביי אים וועט ווערן אַ סברא לכאן און אַ סברא לכאן, און ער וועט ניט קענען מכריע זיין, וואָס דאָס איז מייגע ומטריד ביותר.

— דער ראָגאַטשאָווער גאון האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער שווערסטער טאָג פון וואָך איז ביי אים שבת. אינמיטן וואָך, ווען עס ווערט ביי אים זייער אַ שטאַרקער שטראָם פון שכל, עס לויפן סברות לכאן וסברות לכאן, האָט ער אַן עצה — שרייבן, וואָס אותיות הכתב זיינען מגביל דעם שכל־שטראָם, איז עס דעמאָלט לייכ־טער מכריע זיין. מה שאין כן שבת, האָט ער דאָך ניט די עצה, מוז ער זיך מייגע זיין ביותר, ביז ער קען מכריע זיין.

און אַזוי ווי עס ווערט דער־ציילט [19], אַז בשעת דער מיטעלער רבי פלעגט זאָגן חסידות איז גע־ווען זייער שטיל, דאָך פלעגט ער אַמאָל בשעת חסידות זאָגן: שאַ, שאַ. דער רבי (מהורש״ב) נ״ע האָט עס מבאר געווען, אַז דאָס איז געווען אויף איינצושטילן דעם שכל־שטראָם פון מוח.

אין פלוג, פאַרוואָס דאַרף מען אָפּ־שטעלן נביעת המוחין?

נאָר ווי מען האָט גערעדט וועט מען עס פאַרשטיין, ווייל מצד נביעת המוחין איז שווער אָפּצושטעלן זיך און מכריע זיין בהחלט. עס קומט גלייך נאָך אַ טיפערע העמקה וואָס ברענגט אַ פאַרקערטע סברא — ווי דער אָפּטער אויסשפּראַך אין מיטעלן רבי׳נס מאמרים: „דלא כנ״ל״.

טו. איינער פון די הויפּט־ענינים וועלכע זיינען געווען בגלות מצרים איז „עבודת פרך״. וואָס מיינט עבודת פרך — זאָגט די גמרא [20], אַז זיי האָבן געגעבן מענערשע אַרבעט צו פרויען און פרויען־אַרבעט צו מע־נער, וואָס דאָס איז ניט ווי געוויינלעך.

איז אויך דעם ענין פון עבודת פרך דאַרף מען איבערבייטן דאָס זאָל זיין אין רוחניות, אַז די עבודה אין תורה ומצוות דאַרף זיין מער ווי די געוואוינהייט.

און אַזוי ווי אין עבודת פרך בגשמיות איז דאָך די אַרבעט פון פרויען גרינגער פון מענער־אַרבעט, וואָרום איש דרכו לכבש ואין אשה דרכה לכבש [21], פונדעסטוועגן מצד דעם וואָס עס איז ניט ווי זייער געוואוינהייט איז דאָס עבודת פרך.

אַזוי אויך אין רוחניות, אַז די עבודה אַליין קען זיין אַ קליינינקייט, אָבער וויבאלד אַז צוליב איר מוז ער משנה זיין זיין געוואוינהייט, פאַר־בייט דאָס די עבודת פרך בגשמיות.

און אַזוי ווי עס ווערט דערקלערט אין תניא [22] דער טעם אויף דעם וואָס די גמרא [23] זאָגט, אַז השונה פרקו מאה פעמים לבד ווערט אָנגע־רופן לא עבדו און השונה פרקו מאה פעמים ואחד ווערט אָנגערופן עובד אלקים, אַז כאָטש דאָס איז דאָך ניט מער ווי נאָך איין מאָל, נאָר ווי־באַלד ער איז משנה זיין טבע, זיין

19) היום יום — ד אדר שני.

20) סוטה יא, ב.

21) יבמות סה, ב.

22) פרק טו.

23) חגיגה ט, ב.

# CLASSICAL CONCEPTS

cussed many times previously, every single detail which is mentioned in the Torah is everlasting and true. This would also apply to a question that arises in the Torah even after it has already been answered. Being that the question has been asked in the Torah, which is the ultimate truth, even after being answered, the question itself still contains the same element of truth. (This is why the Frierdiker Rebbe said that being that there is a question raised in Chassidus as to why Simchas Torah wasn't established on Shavuos, even once the question was answered there is still room to say that it should be on Shavuos.) This can be applied to the question that Moshe Rabeinu presented to Hashem as to why he makes the Jewish people suffer. Even after Hashem explained that it serves as a preparation for the revelations that will come, there is still a place in the Torah for the question to be asked.

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | וואָרט |
|---|---|
| Frequent | אפטער |
| Expression | אויסשפראך |
| “not like we said earlier” | דלא כנ"ל |
| Main things | הויפט-ענינים |
| Manly work | מענערשע ארבעט |
| Women | פרויען |
| Not regular | ווי געוויינלעך |
| More than the usual habit | מער ווי די געוואוינהייט |
| Easier | גרינגער |
| Because | ווארום |
| The way of a man is to conquer | איש דרכו לכבש |
| Nevertheless | פונדעסטוועגן |
| A small amount | א קלייניקייט |
| Change | משנה זיין |
| One who learns his studies one hundred time | השונה פרקו מאה פעמים |
| Is called | ווערט אנגערופן |
| One who does not serve Hashem | לא עבדו |
| Although | כאטש |
| One more time | נאך איין מאל |
| Changes his nature | משנה זיין טבע |

| טייטש | וואָרט |
|---|---|
| Will become | וועט ווערן |
| A reasoning to one way | א סברא לכאן |
| Reconcile | מכריע |
| The most difficult day | דער שווערסטער טאג |
| Week | וואך |
| In middle | אינמיטן |
| A strong flow | א שטארקער שטראם |
| Run | לויפן |
| Write | שרייבן |
| Limits | מגביל |
| Easier | לייכטער |
| He must | מוז ער |
| Is told over | ווערט דערציילט |
| Would say | פלעגט זאגן |
| Very quiet | זייער שטיל |
| In order to calm | אויף איינצושטילן |
| Seemingly | אין פלוג |
| Like we spoke | ווי מען האט גערעדט |
| With certainty | בהחלט |
| Immediately | גלייך |
| Opposite | פארקערט |



3. One of the explanations as to why there is still confusion regarding Jewish suffering even after Hashem explained its purpose, is as follows. The Jewish people must go through servitude and suffering in order to elevate themselves to greater spiritual

געוואוינהייט, „שבימיהם הי׳ הרגילות לשנות כל פרק מאה פעמים״, הייסט ער עובד אלקים. (און דורך דעם אהד דערלאַנגט ער אין יחידה שבנפש. מאה פעמים — עשר כחות הכלולים בעשר. מאה פעמים ואחד — בחינת יחידה, וואָס למעלה איז דאָס בחינת הכתר[24]).

טז. נאָך אַ פּרט איז דאָ אין דעם, אַז ניט נאָר וואָס אויך דורך אַ גרינגער עבודה, וויבאַלד אַז עס איז אַן ענדערונג פון זיין געוואוינהייט, פאַרבייט דאָס די עבודת פרך בגשמיות און ער הייסט עובד אלקים;

נאָך מערער, אַז אויך ווען די דאָזיקע ענדערונג פון זיין געוואוינהייט איז ניט אין אַ פנימיות, ד. ה. אַז בפנימיות פאַרבלייבט ער אין זיין פריערדיקער רגילות, עס איז מער ניט וואָס ער נויט זיך בעל כרחו, האָט ער אויך די מעלה פון עובד אלקים.

דער טעם אויף דעם איז, ווייל די פנימיות הרצון פון אַ אידן איז דאָך טוב, מער ניט שהיצה״ר אונסו, איז אויף דעם מספיק אויך די כפי׳ בע״כ[25].

יז. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין, וואָס דער אַלטער רבי ברענגט אין תניא דעם משל הגמרא פון „שוק של חמרים שנשכרים לעשר פרסי בזוזא ולאחד עשר פרסי בתרי זוזי מפני שהוא יותר מרגילותם״.

ולכאורה איז ניט מובן, פאַרוואָס דאַרף ער ברענגען אין תניא דעם משל פון די חמרים, ער האָט גע־דאַרפט ברענגען נאָר וואָס די גמרא זאָגט אין דער מעלה פון השונה פרקו מאה פעמים ואחד; מוז מען דאָך זאָגן, אַז דער משל החמרים איז נוגע צום פאַרשטאַנד פון ענין פון שינוי הרגילות וועגן וועלכן ער רעדט דאָרט אין תניא.

וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים הידוע אַז אין אַ תורה־משל זיינען אַלע פרטים פון משל מתאים צום נמשל, וואָרום דער משל איז נשתלשל מהנמשל, במילא מוזן דאָך מתאים זיין אַלע פרטים.

וכמו״כ בהנ״ל: חמור ווערט אָנ־גערופן דער גוף. און מען מאָנט ביי אַ אידן עזב תעזב עמו[26], מ׳זאָל זיך ניט מסתפק זיין מיט עבודה וואָס איז שייך צו דער נשמה אַליין, נאָר מ׳זאָל מברר זיין אויך דעם גוף.

און אין דעם זיינען פאַראַן צוויי אופנים:

א) מאַכן דעם גוף אויס חמור, מאַכן אים פאַר אַ מדבר — אתהפכא.

— עס איז דאָך ידוע דער סי־פור, אַז בשעת דער אַלטער רבי האָט געהאַלטן ביי פאָרן פון מעזריטש אַהיים, איז געגאַנגען הרב הקדוש הרב המלאך (דעם מעזריטשער מגיד׳ס זון) באַגלייטן אים. האָט דער מלאך געזאָגט צום בעל עגלה — מ׳דאַרף שמייסן די פערד אַז די פערד זאָלן ווערן אויס פערד. נאָך אַ נוסח: אַז די פערד זאָלן וויסן אַז זיי זיינען

24) זע לקוטי תורה ראה כב, ג. וש״נ.

25) זע רמב״ם הלכות גרושין ספ״ב.

26) היום יום — כ״ח שבט. זע אויך אויבן עמוד 32.

# CLASSICAL CONCEPTS

heights in order to prepare themselves for the revelations that will follow. This physical strain can be transformed into spiritual "work" in the realm of Torah study. In Torah Ohr, the Alter Rebbe explains how every facet of the physical labour that was placed upon the Jewish people in Mitzrayim, represents different aspects within Torah learning. This is why there is still room to question the necessity for an actual, physical Golus, since it is interchangeable for toil in Torah.

4. Just like the actual Golus can be exchanged for toil in Torah, the same can be said regarding a person's hard work and constant pressure to make money. A person's primary concern regarding managing his livelihood, is deciding between two ideas. This rule can also be applied to learning Torah. A person should delve so deeply into his learning that he will have reason to understand it either of two ways, and he will be unable to decide which one is correct. This type of Torah learning corresponds to the worries of how to make money.

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| To the comprehension | צום פארשטאנד |
| Fitting | מתאים |
| and the same applies in what was mentioned previously | וכמו"כ בהנ"ל (=וכמו כן בהנזכר לעיל) |
| Is called | ווערט אנגערופן |
| We demand | מען מאנט |
| You will surely help with him | עזב תעזב עמו |
| (referring to the physical body) | |
| Not to be satisfied | ניט מסתפק זיין |
| There are | זיינען פאראן |
| Not a donkey/coarse | אויס חמור |
| Was ready to travel | געהאלטן ביי פארן |
| To go home | אהיים |
| Went | געגאנגען |
| To escort him | באגלייטן אים |
| One must hit the horses | מ'דארף שמייסן די פערד |
| Should become not a horse | זאלן ווערן אויס פערד |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| The regular habit | הי' הרגילות |
| He reaches | דערלאנגט ער |
| A change | אן ענדערונג |
| Furthermore | נאך מערער |
| טייטש this means | ד.ה. |
| He remains | פארבלייבט ער |
| His previous | זיין פריערדיקער |
| He forces himself against his will | ער נויט זיך בעל כרחו |
| His Yetzer Hara forces him | היצה"ר אונסו |
| Force against his will | כפי' בע"כ (=בעל כרחו) |
| A market of donkeys | שוק של חמרים |
| That are rented out to go (the distance of) ten Parsi for (the price of) one Zuz | שנשכרים לעשר פרסי בזוזא |
| And eleven Parsi for two Zuz | ולאחד עשר פרסי בתרי זוזי |
| Only needed to bring | געדארפט ברענגען נאר |
| We must say | מוז מען דאך זאגן |



5. Regarding the idea of conflicting methods of understanding a specific concept, The Rogachover Gaon used to say that his hardest day was Shabbos. During any other day of the week, when ideas would be constantly flowing in his mind and he would be unable to ascertain which one was correct he had a very simple solution, to

פערד. האָט דער אַלטער רבי געזאָגט, אַז עס איז אים צוגעקומען אַ דרך אין עבודה, און האָט אָפּגעלייגט די נסיעה, און איבערגעבליבן נאָך אַ צייט אין מעזריטש —

ב) זייענדיק במהותו ווי ער איז, זאָל ער זיך כופה זיין און משנה זיין רגילותו — אתכפיא. און אויך דורך דעם אופן פון אתכפיא, הייסט ער אַן עובד אלקים.

און דאָס איז מרומז אין די פרטי המשל פון שוק של חמרים:

דעם חמור האָט ער ניט געקויפט, ד. ה. דער חמור איז ניט געוואָרן זיינער (ובנמשל הו"ע אתהפכא), ער האָט אים מער ניט ווי געדונגען, ד. ה. אַז דער חמור איז געבליבן אין זיין פריערדיקן רשות, אָבער פונ־דעסטוועגן רעכנט ער זיך ניט מיט זיין רגילות צו פאָרן מער ניט ווי עשר פרסי, און אַרבעט מיט אים יותר מרגילותו.

אַזוי איז אויך אין רוחניות, אַז הגם דער גוף איז במצבו החומרי כמו שהוא, פונדעסטוועגן, דורך דעם וואָס ער איז כופה דעם חומר הגוף בעל כרחו על כל פנים, ווערט ער אויך אַנגערופן עובד אלקים.

(משיחת ש"פ וארא, תשי"א)

# פרשת וארא

א. ווי מען האָט שוין אַ סך מאָל גערעדט, אַז אַלע ענינים פון תורה, ניט נאָר די דינים נאָר אויך די סיפורים, זיינען אַ הוראה (אָנווייזונג) — תורה מלשון הוראה — אין יעדער צייט און אין יעדער אָרט, עד סוף כל הדורות. און דאָס איז דער ענין פון נצחיות התורה.

דאָס הייסט, אַז אפילו די דערציי־לונגען און געשעענישן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַ מעמד ומצב, וואָס איז ניט שייך אין איצטיקע דורות, אָבער מצד נצחיות התורה, זיינען אויך זיי אַ הוראה אין יעדן דור.

אַזוי איז דאָס ביי אַלע סיפורי התורה, און מכ"ש די סיפורים וועגן יציאת מצרים.

די מצוה פון זכירת יציאת מצרים איז יעדן טאָג, ווייל דער ענין פון יציאת מצרים איז פאַראַן אין דער רוחניות'דיקער עבודה פון מענטשן יעדן טאָג, ווי דער אַלטער רבי דערקלערט באריכות אין תניא (פמ"ז) און אין תורה אור. איז דאָך זיכער אַז אַלע סיפורים וואָס די תורה דער־ציילט וועגן דעם אופן ווי די אידן זיינען אַרויס פון מצרים אין גשמיות, זיינען אַ הוראה אויך אין דעם אופן „יציאת מצרים" אין רוחניות.

דער אָנהויב פון יציאת מצרים איז געווען מיט די עשר מכות, וואָס דורך זיי האָט מען צעבראָכן דעם שטאָלץ פון פרעה און דעם שטאָלץ פון מצרים. דאָס איז דאָך דער תוכן פון היינטי־קער סדרה, אין וועלכער עס ווערט דערציילט וועגן די מכות דם, צפרדע כו'.

ב. דער אָנהויב פון היינטיקער סדרה איז וועגן דער שווערער אונ־טערדריקונג און גלות אין מצרים.

# CLASSICAL CONCEPTS

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| דאס הייסט this means | ד.ה. | Was added | צוגעקומען |
| Didn’t become his | ניט געווארן זיינע | Postponed the travel | אפגעלייגט די נסיעה |
| Rented | געדונגען | Remained | איבערגעבליבן |
| Remained | געבליבן | Being in its own existence | זייענדיק במהותו |
| He doesn’t consider | רעכנט ער זיך ניט | Alluded to | מרומז |
| | | Didn’t buy | ניט געקויפט |

write. Writing down the ideas would organize them more clearly and slow down the flow of the concepts rushing through his brain. On Shabbos, being that he wasn’t able to write, he was forced to work very hard within the confines of his mind to be able to reconcile conflicting ideas. It is also told of the Mitteler Rebbe that when he would say Chassidus, although the room was quiet, he would say “Sha Sha”. The Rebbe Rashab explained that the Mitteler Rebbe was not asking for quiet but rather trying to tame the speeding flow of the concepts rushing in his mind. Seemingly, what would be the problem with a constant flow of ideas in the mind? According to the aforementioned clarification, it is understood that when the flow of intellect comes too fast, it is difficult to reconcile between conflicting ideas.

6. One of the primary difficulties which existed during Golus Mitzrayim, was the Egyptians giving the Jewish people ”עבודת פרך”. The Gemara explains that this refers to the Egyptians placing work of women upon the men, and work of men upon women. The struggle was that they were given jobs which they were not accustomed to, although technically the job may have been an “easier” one.

7. This type of work, doing a job that one is not accustomed to, also has its counterpart in the spiritual service of Hashem. This would be when a person is able to go beyond the type of Torah observance he has made himself comfortable with. Although the change may be something easy, being that it is something that he is unaccustomed to, it is considered to be “Avodas Furech”. The Tanya explains that this is the reason the Gemara writes that one who reviews his studies one hundred times is considered to be one who does not serve Hashem. However, one who reviews his studies one hundred and one times is considered to be one who does serve Hashem. The Alter Rebbe explains that in those times it was the normal practice for a person to review one hundred times, therefore as soon as someone goes above the norm and reviews even one extra time, he is considered to be one who serves Hashem.



8. Furthermore, even when a person merely forces himself, against his own will, to surpass his natural tendencies, he is still called “one who serves Hashem”. This is because deep down, every single Jew has a desire to do the Will of Hashem, and it is merely that this desire has been covered over by the Yetzer Horo. Therefore, it is sufficient to force one’s self on an external level, since internally the desire already exists.

געוואוינהייט, „שבימיהם הי׳ הרגילות לשנות כל פרק מאה פעמים״, הייסט ער עובד אלקים. (און דורך דעם אהד דערלאַנגט ער אין יחידה שבנפש. מאה פעמים — עשר כחות הכלולים בעשר. מאה פעמים ואחד — בחינת יחידה, וואָס למעלה איז דאָס בחינת הכתר[24]).

טז. נאָך אַ פּרט איז דאָ אין דעם, אַז ניט נאָר וואָס אויך דורך אַ גרינגער עבודה, ווײַבאַלד אַז עס איז אַן ענדערונג פון זיין געוואוינהייט, פאַרבייט דאָס די עבודת פרך בגשמיות און ער הייסט עובד אלקים;

נאָך מערער, אַז אויך ווען די דאָזיקע ענדערונג פון זיין געוואוינהייט איז ניט אין אַ פּנימיות, ד. ה. אַז בפנימיות פאַרבלייבט ער אין זיין פריערדיקער רגילות, עס איז מער ניט וואָס ער נויט זיך בעל כרחו, האָט ער אויך די מעלה פון עובד אלקים.

דער טעם אויף דעם איז, ווייל די פּנימיות הרצון פון אַ אידן איז דאָך טוב, מער ניט שהיצה״ר אונסו, איז אויף דעם מספיק אויך די כפי׳ בע״כ[25]).

יז. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין, וואָס דער אַלטער רבי ברענגט אין תניא דעם משל הגמרא פון „שוק של חמרים שנשכרים לעשר פּרסי בזוזא ולאחד עשר פּרסי בתרי זוזי מפני שהוא יותר מרגילותם״.

ולכאורה איז ניט מובן, פאַרוואָס דאַרף ער ברענגען אין תניא דעם משל פון די חמרים, ער האָט געדאַרפט ברענגען נאָר וואָס די גמרא זאָגט אין דער מעלה פון השונה פרקו מאה פעמים ואחד; מוז מען דאָך זאָגן, אַז דער משל החמרים איז נוגע צום פאַרשטאַנד פון ענין פון שינוי הרגילות וועגן וועלכן ער רעדט דאָרט אין תניא.

וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים הידוע אַז אין אַ תורה־משל זיינען אַלע פּרטים פון משל מתאים צום נמשל, וואָרום דער משל איז נשתלשל מהנמשל, במילא מוזן דאָך מתאים זיין אַלע פּרטים.

וכמו״כ בהנ״ל: חמור ווערט אָנגערופן דער גוף. און מען מאָנט ביי אַ אידן עזב תעזב עמו[26]), מ׳זאָל זיך ניט מסתפק זיין מיט עבודה וואָס איז שייך צו דער נשמה אַליין, נאָר מ׳זאָל מברר זיין אויך דעם גוף.

און אין דעם זיינען פאַראַן צוויי אופנים:

א) מאַכן דעם גוף אויס חמור, מאַכן אים פאַר אַ מדבר — אתהפכא.

— עס איז דאָך ידוע דער סיפור, אַז בשעת דער אַלטער רבי האָט געהאַלטן ביי פאָרן פון מעזריטש אַהיים, איז געגאַנגען הרב הקדוש הרב המלאך (דעם מעזריטשער מגיד׳ס זון) באַגלייטן אים. האָט דער מלאך געזאָגט צום בעל עגלה — מ׳דאַרף שמייסן די פערד אַז די פערד זאָלן ווערן אויס פערד. נאָך אַ נוסח: אַז די פערד זאָלן וויסן אַז זיי זיינען

24) זע לקוטי תורה ראה כב, ג. וש״נ.
25) זע רמב״ם הלכות גרושין ספ״ב.

26) היום יום — כ״ח שבט. זע אויך אויבן עמוד 32.

# טייטשין
# TRANSLATIONS

| וואָרט | טייטש |
|---|---|
| נאך א פרט איז דא אין דעם, | There is another detail in this: |
| אז ניט נאר | That not only |
| וואס אויך דורך | (that) also through |
| א גרינגער עבודה, | an Avodah which is easier, |
| וויבאלד | since |
| אז עס איז אן ענדערונג | it is a change |
| פון זיין געוואוינהייט, | from his regular habit, |
| פארבייט דאס | this is an exchange for |
| די עבודה פרך בגשמיות | the difficult work physically, |
| און ער הייסט | and he is called |
| עובד אלקים; | "One who serves Hashem", |
| נאך מערער | (but) furthermore, |
| אז אויך ווען | that also when |
| די דאזיקע ענדערונג | This change |
| פון זיין געוואוינהייט | from his usual habit |
| איז ניט אין א פנימיות, | is not in an internal way, |
| ד.ה. | this means |
| אז בפנימיות | that internally |
| פארבלייבט ער | he remains |
| אין זיין פריערדיקע רגילות, | in his previous habits, |
| עס איז מער ניט | it is no more than |
| וואס ער נויט זיך | that he is forcing himself |
| בעל כרחו | against his own will, |
| האט ער אויך די מעלה | he also has the advantage |
| פון עובד אלקים. | of being considered one who serves Hashem. |
| דער טעם אויף דעם איז | The reason for this is |
| ווייל | since |
| די פנימיות הרצון | the internal desire |
| פון א אידן | of a Jew |
| איז דאך טוב | is (to do) good, |
| מער ניט שהיצר הרע אונסו, | (it is)no more than that his Yetzer Hara forces him, |
| איז אויך דעם מספיק | it is sufficient for this (to overcome the external desire of the Yetzer Hara) |
| אויך די כפי׳ | also the forcing (himself to do beyond what he is accustomed to) |
| בעל כרחו. | against his will. |



# R KNOWLEDGE!

4. **WHAT** was so difficult about עבודת פרך? What does this refer to in regards to Avodah?

_______________________________________________

_______________________________________________

_______________________________________________

5. **WHY** is enough for a person to just push himself externally without changing himself internally?

_______________________________________________

_______________________________________________

_______________________________________________

6. **WHY** did the Alter Rebbe find it necessary to bring the משל of the marketplace of donkeys?

_______________________________________________

_______________________________________________

מדבר. (There is a story told of when the Alter Rebbe was ready to leave Mezritch where he had studied under the Maggid. The Maggid's son had come out to escort him. When they had reached the wagon, the Maggid's son turned to the wagon driver and said "You should hit the horses until they are no longer horses". The Alter Rebbe understood this to be an allusion to a path in serving Hashem that he was not yet aware of, and he decided to remain in Mezritch.) 2) Although the body remains in its coarseness, the person is able to "force" it to change its habits and do the will of Hashem. Such a person is called "one who serves Hashem".

11. This idea of one who has not overcome the coarseness of his physical body, but rather constantly struggles, forcing it to fulfil the Will of Hashem, is alluded to in the Moshol of the donkeys in the marketplace. In the Moshol, the donkeys don't belong to the rider, rather they are rented. This alludes to a body that is not "his" i.e. not completely under his control. But, he still pushes it to go beyond what it is used to, and extends it the extra mile. Although he has not "acquired" his body, and it has still remained in its coarse state, through constantly struggling to go above and beyond its usual habits, he is considered to be "one who serves Hashem"

# SHOW OFF YOU

1. **HOW** does the Alter Rebbe explain Hashem's answer to Moshe Rabeinu?

2. **EXPLAIN** how Moshe's question still exists even after it was answered.

3. **WHAT** is the spiritual counterpart of the worries of money?

## CLASSICAL CONCEPTS

9. After the Alter Rebbe quotes the Gemara regarding a person who studies one extra time, he continues to explain the idea of going beyond what a person is accustomed to. He brings the Moshol of a marketplace of donkeys where the donkeys are rented out to travel ten Parsi for the price of one zuz and eleven Parsi for two zuz. Being that the normal distance for the donkeys was ten Parsi, even one additional Parsi would cost an entire Zuz more. We see from here that the value of one pushing himself to go beyond his usual habits is tremendous. Seemingly, it would seem sufficient for the Alter Rebbe to bring only the Gemara regarding the extra study in order to explain this concept. What further clarification is gained by bringing the Moshol of the donkeys?



10. It is well known that in a Moshol that is expounded upon in Torah, every single detail is precise and exact. In the Moshol of the donkeys, חמור is alluding to a person's physical body, that everyone must work to refine. There are two ways in which a person can work to refine his physical side. 1) To elevate his body so it is no longer on the level of חמור, and it has been refined to a point where it can be considered

# NOTES:

# NOTES:

לזכות
הרה"ח ר' לוי יצחק
וזוגתו מרת רחל מרים
ארון

לרגל יום חתונתם
ביום י"ג טבת תשנ"ח
בברכה לאריכות ימים ושנים טובות
ולזכות משפחתם שיחיו

BACK 2 BASICS

Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© B2B SICHOS COVER: LEIBEL KRINSKY טייטש'ן & CONCEPTS: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON
TO SPONSOR, OR TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT B2BSICHOS@GMAIL.COM